# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:52
מוצאי שב"ק....................9:20

**שיעורים כסדרן**
נ"ך....מלכים-ב כ"ה - ישעיה א'
בבלי.........................שבת ע"א
ירושלמי............ראש השנה ו'
תוספתא..................שביעית ז'
רמב"ם.......................עדות א'


פרשת בהר בחקותי, כ"ב אייר, אבות פרק ה', שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 34 (448)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְחֵי אָחִיךָ עִמָּךְ

ר' נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אַז פוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן: "מְעַט גַם כֵּן טוֹב", אֲפִילוּ אִיז אוֹיךְ גוּט; הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הַאלְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ צוּרִיק פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן וַוייל עֶר מֵיינְט אַז וֵוייניג אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אוּן וִויבַּאלְד עֶר קֶען נִישְׁט טוּן קַיין סַאךְ טוּט עֶר גָארְנִישְׁט. אָבֶער אַז מֶען וֵוייסְט אַז "מְעַט גַם כֵּן טוֹב" פְּרוּבִּירְט מֶען אַרַיין צוּ כַאפְּן וָואס מֶען קֶען; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זָאגְן תְּהִלִּים, אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן 'יוֹם תְּהִלִּים'. אוּן וֶוען דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס עֶנְדִיגְן. קֵיינֶער הֵייסְט דִיר נִישְׁט עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים, נָאר זָאג תְּהִלִּים - אֵיין קַאפִּיטְל נָאכְן צְוֵוייטְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי קִינְדֶער - זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם צְוֵוייטְן. אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, זַיין חַבֵר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם חַבֵר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה?" הָאט אִים זַיין חַבֵר גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִילִים פַאר מִיר"; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִלִּים. נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֵר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן וִוידֶער גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ מִיט בְּכִיּוֹת אוּן גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייל אוֹיס מַיין חַבֵר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֵר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ"; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, אוּן נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֵר, בִּיז דֶער חַבֵר אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט דֶער מַעֲשֶׂה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז וָואס הֵייסְט זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם חוֹלֶה צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט. אוּן אוֹיב זָאגְט עֶר אַז נִישְׁט, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ - אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה אַז בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועט דֶער חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי אַ שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גַשְׁמִיּוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט נַארְן, אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר אִים, עֶר קוּקְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוּן וואוּ עֶר קֶען עֶפֶּעס פַארְדִינֶען, אָבֶער בְּרוּחָנִיּוּת קֶען אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ פְּלַאץ יָארְן לַאנְג אוּן עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט; עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֶעגְן: 'וואוּ קֶען אִיךְ פַארְדִינֶען? וואוּ קֶען אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין?' 'אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי, וָואס גֶעבְּט מִיר מַיין רֶבִּי? וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן מַיין רֶבִּי? אוֹיבּ בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּתְפִילָה, וָואס הָאבּ אִיךְ אַז מַיין רֶבִּי פְלִיט אִין הִימְל? וָואס הָאבּ אִיךְ אַז מַיין רֶבִּי הָאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? וָואס הָאבּ אִיךְ אַז עֶר רֶעדְט אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ, אַז עֶר רֶעדְט צוּ נְשָׁמוֹת?' דֶערְפַאר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְן אַלֶע לַאכְן, זָאלְן אַלֶע שְׁפֶּעטְן; אִיךְ וֶועל דֶעם רֶבִּי'ן נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג אִין לֶעבְּן קוּק אִיךְ נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשע"ח)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אוֹיבּ וִויל מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם שִׁיעוּר; מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מוֹהֲרַא"ש זָאגְט פַארְוָואס אִיז דֶער לֵייבּ דֶער קֶענִיג אוֹיף דִי חַיוֹת אוּן נִישְׁט דֶער פוּקְס? דֶער פוּקְס אִיז דָאךְ זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּנֶעם לֵייבּ! נָאר וִויבַּאלְד דֶער פוּקְס הָאט אַ נַאטוּר פוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּקְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה כב, א): "שׁוּעָל זֶה מְהַלֵּךְ וּמַבִּיט לַאֲחוֹרָיו", עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף צוּרִיק – אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין קַיין קֶענִיג, וְוידֶער דֶער לֵייבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן מִיט אַ נַאטוּר אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוֹיף צוּרִיק, נָאר שְׁטֶענְדִיג שְׁטֵייט עֶר מִיטְ'ן פָּנִים אוֹיף פָאראוֹיס, אַזַא אֵיינֶער קֶען זַיין אַ קֶענִיג.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס פַאר אוּנְז, אַז אוֹיבּ מִיר וִוילְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן זָאלְן מִיר קוּקְן וָואס גֵייט זַיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוּן מֶען טְרַאכְט וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין – נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוֹת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוֹת; אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל מַצְלִיחַ זַיין, עֶר וִויל זַיין וִוי אַ קֶענִיג – טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרֵייעֶן אוֹיף צוּרִיק, זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן מִיטְ'ן עָבַר. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן, דַּאֲגָה מִנַּיִן", וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען – אִיז דָאךְ נִישְׁט וֶוערְד זִיךְ צוּ זָארְגְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס, זוּכְן צוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט דַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

## יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף לַאכְן אָן אוֹיפְהֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ו' אִיָיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

לֶעבְּסְט נָאךְ? לַאכְסְט נָאךְ? אִיךְ הָאף אַז דוּ לַאכְסְט נָאךְ מֶער וִוי אַמָאל; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר אוּן נָאךְ מֶער צוּ דַיין לַאכְן. גְלֵייבּ מִיר, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף לַאכְן אוּן לַאכְן אָן אוֹיפְהֶער, נִישְׁט אַריינְצוּפַאלְן אִין פְּחָדִים אוּן אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", שִׂמְחָה אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר "אַלֶע" קְרֶענְק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ נָאר לַאכְן, מַאךְ יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ אַלֶעמֶען מְחַיֶה זַיין; וַוייל דִי קָארָאנֶע וֶוירוּס אַלֵיינְס הָאבְּן שׁוֹין כִּמְעַט אַלֶע גֶעהַאט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט דֶערְפוּן, אָבֶּער לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אַרייְנְגֶעפַאלְן אִין אַ פַּחַד אוּן אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה פוּן קָארָאנֶע אוּן זִיךְ נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט דֶערְפוּן.

**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז שִׂמְחַת הַחַיִּים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תש"פ)

>>>>>>

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹי וִוי דִי פִּיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִּיק אִיז, אַלְס גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סֵיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סֵיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

### וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶועֶרע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סֵיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריקֵייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, וַוייל דִי יִסּוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

וְוידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָּל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב') "הַמְבַעֵט בְּיִסּוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסּוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסּוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסּוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסּוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועֶרע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ גְּבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסּוּרִין)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (סג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ אִין עַכּוֹ אוֹיף שַׁבָּת, דִי שְׁטָאט אִיז פַארְשְׁלָאסְן, אוּן מְ'גְרֵייט זִיךְ אוֹיף מִלְחָמָה, סְ'אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט, אוּן דֶער שִׁיפְ'ס אַגֶענְט קוֹיפְט בִּילֶעטְן פַארְ'ן רֶבִּין אוֹיף אַ שִׁיף פוּן אַרַאבִּישֶׁע סוֹחֲרִים**

**רעו**

דֶערְוַוייל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין עַכּוֹ נָאךְ קְרִיגְ'ס שִׁיפְן פוּל מִיט סָאלְדַאטְן פוּן עֶנְגְלַאנְד, צוּ הֶעלְפְן דִי אַרַאבֶּער מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן דִי פְרַאנְצוֹיזְן. צְווִישְׁן דִי שִׁיפְן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה שִׁיף פוּן עֶנְגְלַאנְד, מִיטְ'ן נָאמֶען "טִיגְרָא", מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן סִידְנִי סַאמִיט, מִיט נָאךְ צְוֵויי גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה שִׁיפְן "טִיסִיוּס" אוּן "אֶלְיַאנְס".

דֶער פַּחַד אוּן שְׁרֶעק אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, פוּן דִי פִילֶע עֶנְגְלִישֶׁע סָאלְדַאטְן אוּן קְרִיגְ'ס שִׁיפְן, דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעשְׁטוּפְּט וַוייל סְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְנֶעמֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן פַאר שְׁרֶעק.

דִי אַלֶע אַיינְווֹאוֹינֶער אִין הוֹיז וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט דִי הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

**רעז**

דֶער רֶבִּי, מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, הָאבְּן זִיךְ כָּאטְשׁ גֶעטְרֵייסְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין בִּילֶעטְן אוֹיף אַ שִׁיף אַהֵיימְצוּפָארְן, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעהַאט אוֹיךְ צַעַר אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי וֶועג, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעשֶׁען אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג אַז מְ'מוּז שׁוֹין אַנְטְלוֹיפְן.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁיף פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט גֶענוּג אוּן נָאךְ עֶסְן פַאר אַ פִיר פִינְף חֳדָשִׁים, אַזוֹי וִוי מְ'נֶעמְט גֶעוֶוענְלִיךְ מִיט וֶוען מְ'לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְ'ן יַם, אָבֶּער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט.

**רעח**

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת צַו, י' אָדָר ב', אִיז נַאפָּאלְיָאן אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט עַכּוֹ, אוּן הָאט בַּאלַאגֶערְט דִי שְׁטָאט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְטֶערְגֶעזָאגְט ר' יִצְחָק אַז עֶר זָאל גֵיין מִיטְ'ן אַגֶענְט אַיינְקוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן פַאר דִי וֶועג, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וָואס צוּ קוֹיפְן אִין מַארְק,

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק און עצות, שיעורים און דרשות;**
**וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום אפשערן פון זיין אינגל יוסף ני"ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מוּז אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק דְרָשׁוֹת אוּן דִי בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין אַ גֶעווִיסֶע חֲסִידוּת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז אָפְּלָאזְן מַיין קְהִלָּה אוּן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶעם אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיבֶּער דֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט מִיר אָנְגֶעווִיזְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶעס אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ אַזוֹי פִירְן. מִיר זֶעט דָאס אָבֶּער אוֹיס אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, פַארְוָואס זָאל אִיךְ דַארְפְן אָפְּלָאזְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קְהִלָּה, בְּלוֹיז צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אוֹיךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן, אוּן אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דְרֵיי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, שׁוֹין אִיבֶּער אַ הַאלְבּ יָאר וָואס אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, כְ'הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט רוֹב שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן רוֹב מִדְרָשׁ רַבָּה אוּן גַאנְץ נַ"ךְ, אוּן אִיךְ הָאף סְ'וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען נָאךְ לַאנְג בִּיז אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סִיּוּם אוֹיף בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, אוֹיסֶער נָאךְ פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן ב"ה, אוּן אוֹיסֶער דִי נָאךְ פִילֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן וָואס בַּאגְלֵייטְן מִיר מַמָּשׁ אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וֶוער דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז אוּן צִי עֶר הָאט בִּכְלָל שַׁייכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי"ן; לוֹיט ווִי דוּ לֵייגְסְט מִיר אַרָאפּ זַיין עֶנְטְפֶער וְכוּ', ווֵייסְט עֶר נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז.

דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר מְסוֹרָה, פוּן זֵייעֶר וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ, אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶוער מֶען אִיז אוּן פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט - זָאל מֶען אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט שִׂמְחָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין נָאוְורִיטְשׁ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנ): "יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", אִיךְ בִּין בְּכֹחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא מִבָּעְיָא יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים", נִישְׁט נָאר דִי אִידְן קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָּא כָּל הָאֻמּוֹת הָעוֹלָם כֻּלָּם אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהָיִיתִי יָכוֹל לְהוֹלִיכָם סָמוּךְ לְדַת יִשְׂרָאֵל", נָאר אֲפִילוּ דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם קֶען אִיךְ אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּלַייבּ וַוייטֶער מְקוּשָּׁר מִיט דַיין פְּלַאץ וואוּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דַיין חֲסִידוּת. נֶעם דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי"ן אוֹיף אַ פְּרִיוַואטֶע וֶועג; לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים אוּן בְּרֶענְג אַרַיין דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, דָאס הֵייסְט זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם' (שַׁבָּת י.). אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע, דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וֶועג. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. צוּ וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת וְכוּ'? צוּ וָואס פֶעלְט אוֹיס זִיךְ צוּ גֵיין רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע, דֶערְצֵיילְן אַלֶעמֶען: "אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר"? וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס אַז אַלֶע זָאלְן אָנְהֵייבְּן קְרִיגְן אוֹיף דִיר? מֶען וֶועט דִיר אוֹיסְשְׁלִיסְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִיר ווִי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַ קְרַאנְקְן; דֶערְפַאר אִיז בֶּעסֶער פַאר דִיר צוּ זַיין מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי"ן שְׁטִילֶערְהֵייט, לֶערְן אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תש"פ)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

>>>>>>

און הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אַכְסַנְיָא.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶעמָאלְט אַייְנְגֶעהִילְט אִין טַלִית וּתְפִלִּין און הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, און ר׳ יִצְחָק הָאט זִיךְ אַרַייְנְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט פוּן גְרוֹיס צַעַר און שְׁרֶעק, און עֶר הָאט אַייְנְגֶעדְרִימְלְט, און דֶער רֶבִּי בִּכְלַל נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז ר׳ יִצְחָק לִיגְט דָארְט און שְׁלָאפְט.

**רעט**

אִינְמִיטְן דֶעם גְרוֹיסְן פַּחַד פוּן דִי פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִילִיטֶער וָואס בַּאלַאגֶערְט דִי שְׁטָאט מֶער און מֶער, אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, וַוייל דֶער פַּאשָׁא הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְן אַ בַּאפֶעל אַז עֶר גֶעבְּט בְּלוֹיז צְוֵויי שָׁעָה צַייט פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטָאט, אַז וֶוער ס׳קֶען נִישְׁט קֶעמְפְן אִין אַ מִלְחָמָה זָאל שׁוֹין פַארְלָאזְן דֶעם שְׁטָאט צוּם יַם, וַוייל ס׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם אָפֶענֶע וֶועג אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט נָאר דוּרְכְ׳ן יַם, און דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה, וֶועט מֶען אוֹיסְ׳שֶׁחְטְ׳ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. וַוייל דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן מֶער פְּלַאץ אִין שְׁטָאט, אַז ס׳זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְגֶעלֵייגְט מִיט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן.

מְ׳קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ דָאס הָאט גֶעמַאכְט אִין שְׁטָאט, עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן קוֹלוֹת און יְלָלוֹת, מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד, און דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּן דִי אַכְסַנְיָא צוּם יַם, און עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ ר׳ יִצְחָק וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר שְׁלָאפְט דָארְט, און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַייְנְגֶעזֶעצְט אִין עֶפֶּעס אַ קְלֵיין שִׁיפְל.

**רפ**

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ ר׳ יִצְחָק עֶרְוֶועקְט און גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט אִין הוֹיז, עֶר הָאט גֶעוַוארְט און גֶעוַוארְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, און אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיף און גֶעזֶען וִוי יֶעדֶער וֵויינְט און שְׁרֵייט גֶעפֶערְלִיךְ, ס׳אִיז גֶעוֶוען קוֹלוֹת וּבְרָקִים בִּיזְ׳ן הִימְל.

דִי בַּאלֶעבָּאסְטֶע פוּן הוֹיז, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען ר׳ יִצְחָק, אִיז זִי גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ אִים און גֶעזָאגְט, "אוֹי וֵויי, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אֵייעֶר יוּנְג לֶעבְּן, אִיר וֶועט דָאךְ דָא גֶע׳הַרְגְ׳ט וֶוערְן, מֵילָא אוּנְז הָאבְּן כָאטְשׁ גֶעהַאט דָא גוּטֶע צַייטְן, דַארְפְן מִיר יֶעצְט אָנְנֶעמֶען דִי גְזֵירָה אוֹיף אוּנְזֶער שְׁטָאט, אָבֶּער אוֹיף אַייךְ אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אִיר וֶועט דָא פַארְלוֹירְן וֶוערְן פוּן אֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה", און אַזוֹי הָאט זִי וֶועט וַוייטֶער גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן. ר׳ יִצְחָק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אַז עֶר זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן. עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי מֵיינְט אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן צוּם יַם.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
## שמחות ביים ראש ישיבה שליט"א

די וואך מאנטאג נאכט איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעפארן קיין קרית יואל צום וואכנאכט פונעם ערשטן אייניקל, ביי זיין זון מו"ה שלמה הי"ו. ביים וואכנאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער די גרויסקייט פון ל"ג בעומר, ווי אזוי אויסצונוצן דעם טאג זיך אויסצובעטן אלע ישועות און רפואות, און גלייכצייטיג איבערגע׳חזר׳ט וואס רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט "אנן בחביבותא תליא", אידישע קינדער דארפן זיך האלטן צוזאמען בשלום, און מיט דעם ברענגט מען אראפ אלע גוטע השפעות.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אז מיר דארפן זיך מקשר זיין מיט רבי שמעון, דורכ׳ן לערנען און זאגן די ווערטער פון זוהר הקדוש און תיקוני זוהר, וואס צדיקים האבן געזאגט אז דאס איז מקדש און מטהר די נשמה, עס ברענגט דעם מענטש צום איבערשטן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט, "מענטשן זאגן אז מ׳טאר נישט לערנען זוהר פאר די פערציג יאר, מ׳זאגט אז מ׳קען משוגע ווערן דורכ׳ן לערנען זוהר, דאס איז אבער נישט אמת, משוגע ווערט מען פון עבירות, נישט פון לערנען דעם הייליגן זוהר, ווען א איד מאכט זיך א שיעור צו זאגן די ווערטער פון הייליגן זוהר, וועט דאס אים אויסרייניגן פון אלעם שלעכטס".

דינסטאג אינדערפרי איז פארגעקומען דער ברית, ויקרא שמו בישראל "נחמן נתן", און אנשי שלומינו האבן זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה ביים ראש ישיבה שליט"א.

נאך א שמחה איז געווען דעם ל"ג בעומר ביים ראש ישיבה שליט"א, מיט׳ן אפשערן און מאכן פיאות פאר זיין דריי יעריג אינגל יוסף נ"י למזל טוב.

אנשי שלומינו וואונטשן פאר׳ן ראש ישיבה שליט"א ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, ער זאל קענען ממשיך ווייטער זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, און ווייטער אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי׳ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל!**

***

## "עצתו אמונה" און "בית נצחי" אויף די פאסט

שוין עטליכע יאר וואס פילע הונדערטער אידן זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די הייליגע קונטרסים "עצתו אמונה", וואס דארט ווערט צוזאם גענומען די פילע בריוון און ענטפערס אויף שאלות וואס זענען געשריבן געווארן אין די לעצטע וואך דורכ׳ן ראש ישיבה שליט"א, געבויעט אויף די הייליגע לימודים און עצות פון הייליגן רבי׳ן און זיין תלמיד רבי נתן, לויט ווי מוהרא"ש האט אונז איבערגעגעבן אלע יארן. אין די בריוו טרעפט זיך דארט יעדער איינער פאר זיך פאסיגע ענטפערס אויף אלע זייערע פערזענליכע קשיות, ספיקות און בלבולים, און איז מחזק אויף אמונה און בטחון און פילע עצות אויפ׳ן טאג טעגליכן לעבן.

אזוי אויך דערקוויקן זיך פילע יעדן טאג פון וואך מיט די וועכנטליכע קונטרסים "בי"ת נצחי" - וואס אנטהאלט אין זיך א בלאט "בבלי", א בלאט "ירושלמי" און א פרק "תוספתא" פאר יעדן טאג פון די קומענדיגע וואך.

פילע האבן אבער געהאט שוועריקייטן דאס צו באקומען צוליב די ווייטקייט וואס זיי וואוינען וכדומה, בפרט יעצט אין די "קאראנע צייט" איז עס אפילו פאר וויליאמסבורגער איינוואוינער שווער צו באקומען. און פילע האבן אויסגעדרוקט זייער וואונטש אז מען זאל עס קענען באקומען וועכענטליך אויף די פאסט.

דערפאר איז אונז א גרויסע שמחה צו מעלדן, אז דער בית הדפוס איז ב"ה געגאנגען נאך א טריט ווייטער און איינגעשטעלט א פראקטישער "סובסקריבשאן" סיסטעם, צו באקומען די קונטרסים צוגעשיקט יעדע וואך אויף די פאסט. די מינימאלע פרייז איז באשטימט געווארן פאר $2.99 פער וואך פאר יעדע פון די קונטרסים.

מען קען זיך איינשרייבן פאר סובסקריבשאנס אויף #3 718-387-2691 אדער אויף אימעיל, **mail@kerenhadfusa.org**

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## בעטן לויפן אויס ביים בנין אין אומאן

די "וועד האשל היכל הקודש אומאן" געבט איבער אז די בעטן לויפן שוין אויס ביים בנין אין אומאן, צו קענען מיטהאלטן דעם ראש השנה ביים הייליגן רבי׳ן צוזאמען מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א. דאס יאר זענען צוגעקומען גאר אסאך פרישע מקורבים פון איבער די גאנצע וועלט וואס ווילן אויך זיין צוזאמען מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א ראש השנה אין אומאן, און דאס יאר וועט מען נישט צובויען פרישע שטיבער, אויך וועט מען נישט אריינלייגן מער בעטן אין א שטוב.

צוליב די גאר גרויסע פארלאנג, און די גרויסע מאנגל אין בעטן, האט מען דאס יאר איינגעשטעלט א שטרענגע סיסטעם אז קיינער בלי שום יוצא מן הכלל באקומט נישט קיין דין קדימה, נישט קיין חילוק אויב מ׳איז שוין געווען אינעם בנין פאריאר אדער פאר צוויי יאר, נישט קיין חילוק וואו מ׳וואוינט, וועט קיינער נישט האבן קיין דין קדימה, נאר דער ווער ס׳האט אויסגעצאלט די "גאנצע" באלאנס פון זיין בעט, וועט ווערן אי"ה אוועקגעלייגט א בעט פאר אים אינעם בנין.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען די תלמידים אז מ׳זאל נישט זיין קיין צועק לשעבר, ווען ס׳וועט קומען נענטער צו ראש השנה און ס׳וועט מער נישט זיין קיין בעטן, מ׳וועט מוזן גיין זוכן ערגעץ וואו איינצושטיין, נאר מ׳זאל שוין האבן דעם קאפ אויפ׳ן פלאץ און דינגען א בעט ווי פריער, איידער ס׳לויפט אויס אלע בעטן גאר שנעל.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שמחה בלאך** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

##ביידע זענען גערעכט

**איך האב גוטע טענות און יעדער האט גוטע טענות, אבער אפשר זענען ביידע גערעכט, ס׳דא א וועג זיך אויסצוקומען מיט יעדן**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 12**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**